# 15 יאָר

# „אָרט“-אַרבעט

# אין ליטעוואַ

טעטיקייטס-איבערבליק

1920—1935



„הויז פאַר יידישער אַרבעט“.

קאָונאַס, 1935

*15 metų „ORT“ draugijos veikimo Lietuvoje.*

*Kaunas, 1935 m.*

S. Joselevičiaus spaustuvė, Kaunas, Laisvės al. 76. Tel. 21-79.

דרוקעריי ש. יאָסעלעוויטש, קאָונאַס, לייסוועס אַל. 76. טעל. 21-79

# 15 יאָר „אָרט״־אַרבעט אין ליטעוואַ

## (טעטיקייטס־איבערבליק).

### I.

דער געדאַנק פון אַריבערפירן די יידישע מאַסן צו אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען, אַלס צו אַ מקור פון פרנסה, איז שוין ניט ניי. שוין די ערשטע משכילים האָבן דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט און זיך געפלייסט, ווי ווייט זיי האָבן געקענט, אים צו פאַרשפרייטן צווישן פאָלק. דער געזעלשאַפט „אָרט" איז אויסגעפאַלן די בכבודיקע, אָבער אויך אחריות־פולע ראָלע אָט דעם געדאַנק צו געבן בלוט און פלייש אין די לענדער, ווו ס׳וואוינט דאָס געפּלאָגטע מזרח־יידנטום, און אין דער גאָר נייע תקופה אויך אין דעם איצטיקן דייטשלאַנד. זי האָט איר אַרבעט געטאָן טריי פאַר דער וועלט־מלחמה און זעצט איר פאָר צו טאָן עד־היום.

דער ליטווישער „אָרט", אַלס גליד פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, האָט אין אונדזער באַפרייטן ליטע־לאַנד שוין פון 1920־סטן יאָר אָן אָנגעהויבן די ברכה־פולע פּראָדוקטיוויזירונגס־אַרבעט און טוט איר נאָך עד היום. ער האָט זיך די גאַנצע צייט געפלייסט שטענדיק צו זיין אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע און שטענדיק צו גיין מיטן לעבן פוס אין פוס: זיין טעטיקייט האָט אין פאַרשיידענע מאָמענטן אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען, אָבער שטענדיק אין איינקלאַנג מיט די נויטן פון דער יידישער מאַסע אין ליטעוואַ.

אין 1920־סטן יאָר האָט דער נאָך מלחמה־חורבן נאָך געוועלטיקט אי פולער קראַפט: אַ שטראָם פון צוריקקערנדיקע פליטים קומט קיין ליטע או געפינט די צעשטערטע היימען; קיין ווינקל די קאָפּ אָפּצושפאַרן, קיין געצייג מיט וואָס צו פאַרדינען אַן אָנבייסן אָדער אַ בגד דעם נאַקעטן גוף צו באַדעקן, קיין אומזאַץ־קאַפּיטאַל, קיין מלאכה־קענטנישן. אַ שדים־טאַנץ פון גראָשנדיקער „ספעקוליאַציע", מחנות פאַרוואָרלאָזטע הונגעריקע גאַסן־קינדער־תומים.

אונדזער צייטווייליקע הויפט־שטאָט קאַונאַס איז דאַן געווען אַ עיר מקלט, וואוהין ס׳האָט זיך געראַטעוועט אַ טייל יידישע אינטעליגענץ פון די באַזעצטע געביטן פון ליטעוואַ (ווילניוס, גאַרדינאַס, באַלטסטאָגע) און פון רוסלאַנד. אָט די אינטעליגענטישע כחות צוזאַמען מיט דער אָרטיקער אינטעליגענץ האָבן עס אין אָקטאָבער 1920 באַנייט דעם „אָרט„־פאַרבאַנד אין ליטעוואַ און האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט, גרופּירנדיק אַרום זיך אַרבעטער, בעלי־מלאכות, פאָלקס־בּיינק־טוערס, געשטיצט פון נאַציאָנאַל־ראַט און פון די קהילות.

די קאָניונקטור איז דאַן געווען אַ גינסטיקע. דאָס אַמעריקאַנישע און מערב־אייראָפּייאישע יידנטום האָט קראַפט־פול געשטיצט די אויפבוי־אַרבעט אין מזרח. אין ליטעוואַ גופא איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען ניט קיין שלעכטע. דאָס אַליין האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ פילזייטיקע, אַרומכאַפּנדיקע

הילפס- און אויפבוי-אַרבעט. דער ליטווישער „אָרט“ איז אַוועק גלייכצייטיק אויף עטלעכע וועגן:

1) ער האָט אויסגעבויט אינסטיטוציעס פאַר פאַך-בילדונג און פאַך-פאַרפולקומונג;

2) ער האָט אָנגענומען מיטלען צו דערנענטערן דעם יונגן דור צו ערד-אַרבעט;

3) ער האָט פאַרשפרייט געצייג און מאַשינעס צווישן האַנטווערקערס און מאַשינען און זריעה צווישן לאַנדווירטן;

און 4) ער האָט קראַפטפול געשטיצט פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון אין שטאָט און דאָרף.

## II.

אויפן געביט פון פאַך־בילדונג זיינען אין משך פון די ערשטע 3 אַר־בעטס־יאָרן (1921—1923) געגרינדעט געוואָרן:

אין **קאַונאַס** — 5 וואַרשטאַטן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| מענער שניידעריי | מיט | 30 | תלמידים |
| דאַמען־שניידעריי | „ | 30 | „ |
| מעכאַנישע שלאָסעריי און שמידעריי | „ | 27 | „ |
| קאַמאַשן־שטעפעריי | „ | 16 | „ |
| שוסטעריי | „ | 13 | „ |
| אין **שיאַוליאַי** — 2 וואַרשטאַטן: סטאָלעריי | „ | 12 | „ |
| דאַמענשניידעריי | „ | 17 | „ |
| אין **פאַנעװעזשיס** — 1 וואַרשטאַט: סטאָלעריי | „ | 15 | „ |
| אין **טעלשיאַי** — 1 וואַרשטאַט: דאַמען־שניידעריי | „ | 15 | „ |
| אין **אוקמערגע** — 1 „ „ „ | „ | 30 | „ |
| אין **ראָקישקיס** — 1 „ „ „ | „ | 25 | „ |
| בסך־הכל 11 וואַרשטאַטן | מיט | 230 | תלמידים |

דער שלאָסעריי-וואַרשטאַט אין קאַונאַס איז אין 1922-3 באַרייכערט גע־וואָרן מיט אַ גאַנצער ריי מאָדערנע מאַשינעס; איר געביידע (אַ געוועזענע תלמוד־תורה) איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו די נייע באַדערפענישן.

ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט (צוליב מאַנגל אין מיטלען אָדער אין רוים) צו עפענען לערן־וואַרשטאַטן אין אַלע מלאכות, האָט מען אויך געמוזט אָפּגעבן קינדער אין פריוואַטע וואַרשטאַטן צו לערנען זיי אַ פאַך, אָבער מ'האָט פאַר זיי געגרינדעט אין קאונאס און אין ראָקישקיס א השגחה־אינסטיטוט — אַ ספּעציעלן פּאַטראָנאַט. זיינע אויפגאַבעס זיינען געווען: 1) דורך פּסיכאָ־טעכנישע פאָרשונגס־מעטאָדן צו באַשטימען, צו וועלכען פאַך דאָס קינד איז אַם בעסטן פּאַסיק; 2) צו געפינען דעם געהעריקן בעל-מלאכה און אָפּשליסן מיט אים אן אָפּמאַך, וואָס זאָל שיצן דאָס לערן־קינד; 3) אויפצופּאַסן, אַז דאָס לערן-קינד זאָל מען טאַקי לערנען דעם פאַך און 4) צו זאָרגן, אז דאָס לערן־קינד זאָל קענען אין אַ אָוונט-שול געניסן אַלגעמיינע אויסבילדונג און זיך אויך



דערווערבן די נויטיקע טעאָרעטישע ידיעות פון זיין פאַך. דאָס לעצטע פלעגט דאָס לערן־קינד באַקומען אין דער אָוונט-שול ביי די לערן-וואַרשטאַטן. דער פּאַטראָנאַט האָט אַרומגענומען די ערשטע 3 יאָר בערך אַ הונדערט קינדער.

אַזוי אַרום זיינען אין משך פון די ערשטע 3 יאָר פון דער „אָרט“-טע־טיקייט אין ליטעוואַ מיט „אָרט“'ס הילף אַריינגעצויגן געוואָרן אין מלאכה ביי דריי א האַלב הונדערט קינדער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון די וואַרשטאַטן איז די אָרימקייט און די פאַרוואָרלאָזטקייט פון די קינדער געווען זייער גרויס. אַ גרוי־סער פּראָצענט (אין אייניקע ערטער ביז 75%) פון די קינדער איז געווען יתומים און סתם גאַסן-קינדער. מ'האָט זיי געמוזט שפייזן און זאָרגן פאַר קליידער און דירה. ביי אייניקע וואַרשטאַטן האָט מען געגרינדעט קיכן פאַר די קינדער. אַנדערשוואו פלעגט מען געבן צעטלעך אויף מיטאָקן אין די פאָלקס-קיכן.

אין אַלע וואַרשטאַטן פלעגט מען אַרבעטן ביז מיטאָק אין פאַך און נאָך־מיטאָג אין דער אָוונט-שול, וואו מ'האָט געלערנט אַלגעמיינע למודים און אויך טעאָרעטישע פאַך-למודים, ווי, למשל: טעכנאָלאָגיע, צייכענען, מאָלן. די „אָרט“ מלאכה־שולן שטייען די גאַנצע צייט אונטער דער השגחה פון דעם בילדונגס-מיניסטעריום, וועלכעס שיקט אינספּעקטאָרן צו באַזוכן די למודים און פון 1925-סטן יאָר אָן אויך ספּעציעלע פאָרשטייערס ביי־צוזיין ביי די עקזאַמענס.

## III.

כדי צו פאַרפולקומען די בעלי מלאכות אין זייער פאַך, גרינדעט „אָרט“ פאַך-קורסן. אין די יאָרן 1921—1923 זיינען דורכגעפירט געוואָרן 5 צוּשניי-דער קורסן פאַר מענער־שניידערס און איין השלמה־קורס פאַר שלאָסערס. אין די ערשטע פאַך-קורסן ביז 1923 האָבן זיך באַטייליקט 115 שניידערס און 32 שלאָסערס. די צוהערערס פון די פאַך-קורסן האָבן געהאַלטן עקזאַמענס מיט דעם אָנטייל פון אַ פאַרטרעטער פון בילדונגס-מיניסטעריום און פון פאַך-עקספּערטן און האָבן באַקומען אַטעסטאַטן.

דער ליטווישער „אָרט“ האָט אַפילו געמאַכט אַ פּרווו אויסצובילדן יידישע יונגע לייט פאַר דיפּלאָמירטע טעכניקער: ער האָט אין 1921-22 אויסגעווירקט ביי דעם בילדונגס-מיניסטער אַ דערלויבעניש צו פירן ביי דעם מלוכה'שן טעכ-ניקום אַ פּאַראַלעלן קלאַס אויף יידיש. פון די 67 הערערס פון דעם ערשטן יידישן קלאַס האָבן 45 אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס און זיינען אויפגענומען געוואָרן אין 2-טן קלאַס. ליידער, האָט די רעגירונג מער ניט מסכים געווען צו לאָזן פירן פּאַראַלעלע יידישע קלאַסן ביי איר טעכניקום.

## IV.

מיט דעם ציל צו דערנענטערן דעם יידישן שטאָטישן קינד צו דער מאַ-מע-ערד, האָט „אָרט“ געגרינדעט שול-גערטנער, וואו די שול-קינדער פלעגן אַרבעטן זומער-צייט ביי גרינס-האָדאָוואַניע. די אַרבעט האָט זיך פיין אַנטוויקלט



אַ גרופּע שילער און לערערס פון דער האַנטווערקער מיטל-שול „אָרט" קאָוונאָס (מעכאַנישע שלאָסעריי און דאַמען-שניידעריי) אין יאָר 1934



און שוין אין 1923-סטן יאָר האָבן עקסיסטירט אין 34 פּונקטן 42 שול-גערטנער, ווו ס'האָבן געאַרבעט 5111 קינדער. די עקספּאָנאַטן פון אָט די שול-גערטנער אויף דער אַלליטווישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג האָבן זוכה געווען צו באַקומען אַן אויסצייכענונגס-דיפּלאָם פון דער צווייטער מדרגה.

## V.

הילף אין איינשאַפן זיך געצייג, מאַשינעס, לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר און זריעה האָט „אָרט" אין די ערשטע דריי יאָר פון זיין טעטיקייט אין ליטוואַ (אין אָנהויב פון אויפבוי פון די פּליטים-ווירטשאַפטן) געגעבן 1170 האַנטווערקערס, 161 לאַנד-ווירטן און 50 גערטענירערס. די הילף איז געגעבן געוואָרן, אַלס הלואה אויף אָפּצאָלונגען, און האָט באַטראָפן די סומע פון 843772,48 דייטשישע מאַרקן און 65990 ליטן. צוויי אַגראָנאָמען פלעגן אַרומפאָרן צו געבן עצות די יידישע לאַנדווירטן און גערטענירערס און צו אָרגאַניזירן די שול-גערטנער.

אויף דעם געביט פון פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַציע האָט די טעטיקייט פון ליטווישן „אָרט" זיך אויסגעדריקט אין שטיצן מיט מאַטעריאַלן, מאַשינעס און געצייג אַ ריי פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַטיוון:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1 | לאַנדווירטן-קאָאָפּעראַטיוו | אין פעלאַדנאָגי (ביי קעדאַיניאַי) | מיט 25 חברים |
| 1 | וואָליקעס-מאַכערס-קאָאָפּעראַטיוו | אין אַניקשטשיאַי | " 11 " |
| 2 | שניידער-קאָאָפּעראַטיוון | " קאָוונאָס | " 35 " |
| 1 | סטאָלער-קאָאָפּעראַטיוו | " " | " 10 " |
| 1 | שוסטער-שטעפּער-קאָאָפּעראַטיוו | " " | " 25 " |
| 1 | בערשטער-קאָאָפּעראַטיוו | " קרעטינגאַ | |
| 1 | סטאָלער-קאָאָפּעראַטיוו | " ניישטאָט | |
| 1 | " " | " שיאַוליאַי | |

בסך-הכל 9 פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון מיט בערך 150 חברים.

ווען סאָוויעט-רוסלאַנד האָט אויף דאָסני אָנגעהויבן דעם פאַרקער מיט דער גרויסער וועלט, און ס'איז באַקאַנט געוואָרן דער גרויסער חורבן פון רואינירטן יידישן מיטל-שטאַנד, האָט דער וועלט-פאַרבאַנד „אָרט" אויסגעפּועלט ביי דער סאָוועטישער רעגירונג אַ דערלויבעניש אַריינצופירן אַהין פאַרשיידענע מאַשינעס און געצייג פאַר יידישע בעלי מלאכות און געוועזענע קרעמער, וועלכע האָבן זיך געכאַפּט צו אַרבעט. די קרובים אין אויסלאַנד פלעגן איינצאָלן אין די אָפּטיילונגען פון „אָרט" די נויטיקע סומע געלט, און דאַן פלעגט שוין די צענטראַלע באַזאָרגן די באַשטעלטע קעגנשטאַנדן און צושטעלן זיי די קרובים אין רוסלאַנד. דער ליטווישער „אָרט" האָט אויך טאַטקרעפטיק מיטגעהאָלפן אויף אָט דעם געביט פון קאָנסטרוקטיווער קרובים-הילף. ביז דעם יאָר 1934 זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד מיט זיין הילף פיל שרייב-מאַשינעס, שטריק-מאַשינעס, שטריק נאָדלען, רייס-צייג און פאַרשיידענע אַנדערע געצייג אויף גרויסע סומעס.

## VI.

נאָך די ערשטע 4–5 אָפּעראַציאָנס-יאָרן עוואָליוציאָנירט די אַרבעט פון „אָרט“ אין ליעטוווּאַ. אייניקע פון די אויסגערעכנטע צווייגן הערן אויף צו זיין נויטיק, אַנדערע מוזן איינשרומפּן צוליב מאַנגל אין געלטמיטלען. נאָכדעם ווי דער פּליטים-שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווי דאָס רוב בעלי מלאכות זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט געצייג און מאַשינעס, לאַנדווירטן — מיט לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר און זריעה און האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס, - האָט אָט דער צווייג פון דער „אָרט“ - אַרבעט אויפגעהערט צו זיין דרינגנדיק אַקטועל, און דער מאַנגל אין געלט (צוליב דער קירצונג פון די שטיצעס פון צענטער, דזשאָינט, איקאַ א. א. וו.) האָט געצוואונגען אָט דעם צווייג טעטיקייט בּיסלעכווייז צו ליקווידירן.



שיינע אייזן-טיר פאַר דאָס העברעאישע גימנאַזיום אין קאַונאַס, געמאַכט פון שילער פון די „אָרט“-וואַרשטאַטן

די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון פאַלן זיך מיט דער צייט בּיסלעכווייז פונאַנאַנדער צוליב פילע'סיבות: ס'פעלט אַרבעט, חברים גייען אַרויס פאַר זיך,



עמיגרירן. די לערן-וואַרשטאַטן פאָדערן גרויסע הוצאות. די אויסלענדישע מאַטעריעלע שטיצע ווערט ביסלעכווייז קנאַפּער. אין די קלענערע יידישע קבוצים פעלט אויס אָרגאַניזאַטאָרישע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט צו שאַפן אָרטיקע מיטלען אויסצוהאַלטן די פאַך-שולן. די מוניציפּאַליטעטן און די מלוכה קומען ניט צו הילף. דער פועל יוצא איז די שליסונג פון די לערן-וואַרשטאַטן אין דער פּראָווינץ און פון דעם פּאַטראָנאַט אין קאַונאַס. ס'בלייבן באַשטיין נאָר די לערן-וואַרשטאַטן אין קאַונאַס און די פאַרשיידענע השלמה-קורסן פאַר דערוואַקסענע. די אַרבעט פון „אָרט“ אין ליעטוווּאַ שרומפּט אויף אַ צייט צוזאַמען, כדי שפּעטער, ווען די באַדינגונגען וועלן ווערן גינסטיקער, זיך ווידער פונאַנדערצעוויקלען, זיך ווידער פאַנאַנדערצעוואַקסן ביז צו אַ פריער ניט געוועזענע פילזייטיקייט און רייכקייט.

## VII.

שוין אין די ערשטע יאָרן נאָכן גרינדן די „אָרט“-וואַרשטאַטן אין קאַונאַס האָט זיך געפילט דער מאַנגל אין אַ צוגעפּאַסטער געביידע פאַר זיי. רוים לופט, ליכט און בכלל עלעמענטאַרע היגיענישע איינריכטונגען פעלן לגמרי אין דער געביידע, וועלכע איז פריער געווען אַ קליינע תלמוד-תורה-שול און איז איבערגעבויט געוואָרן פאַר אַ גאָר אַנדער צוועק. דער מעכאַנישער וואַרשטאַט מוז זיך געפינען אין אַן ענגן, נאַסן, שלעכט באַלויכטענעם קעלער מיט שלעכטער ווענטיליאַציע. די אַנדערע וואַרשטאַטן הויזן אויך אין איינגע, גאָר ניט צוגעפּאַסטע רוימען. דער גרויסער דירות-יקרות און מאַנגל אין קאַונאַס פון יענע צייטן מאַכן עס אוממעגלעך צו קלערן וועגן צודינגען גרעסערע רוימען. די אידייע צו בויען אַ פּאַסיקע געביידע פאַר די „אָרט“-אַנשטאַלטן, וואָס זאָל קענען ווערן אַ „הויז פאַר יידישער אַרבעט“ אין ברייטסטן זין פון וואָרט, שווימט שוין דאַן אַרויף, און ס'ווערן אויך געמאַכט די ערשטע טריט אָט דעם רעיון דורכצופירן אין לעבן: ס'ווערט געזאַמלט אין קאַונאַס ביי 35000 ליט און ס'ווערט איינגעקויפט אַ פּלאַץ אויף יאַנעווער גאַס. דער צענטער פון זיין זייט שאַפט מיט דער הילף פון דר“ ל. בראַמסאָן, פאָרזיצער פון וועלט-פאַרבאַנד, אַ בוי-פאָנד פון 70000 ליט. אָט די געלט-מיטלען זיינען זייער קנאַפּ, ביי דעם יקרות פון בוי-מאַטעריאַלן און אַרבעט אין יענע צייטן, עטוואָס אָנצוהויבן צו בויען. דער בוי מוז אָפּגעלייגט ווערן ביז אַ פּאַסיקערער צייט.

## VIII.

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון „אָרט“ אין ליעטוווּאַ ווערט קאָנצענטרירט אויף די לערן-וואַרשטאַטן אין קאַונאַס און אויף די פאַך-קורסן. מען שטרעבט אַוועקצושטעלן דאָס לערנען מלאכה אַזוי, אַז די שילער זאָלן אין דער שול צוגעגרייט ווערן צו די פאָדערונגען פון לעבן ניט נאָר בנוגע קענען אַרבעטן, נאָר אויך בנוגע דער גיכקייט פון דער אַרבעט. ס'ווערן צו דעם צוועק אָנגעשטעלט אין די וואַרשטאַטן אויך גענדונגענע אַרבעטער. די שילער אַרבעטן גיט נאָר פּראָגראַם-אַרבעט, נאָר אויך אויף באַשטעלונגען צוזאַמען מיט די

אַרבעטער, כדי אויף אַזאַ אויפן זיי צוצוגעוווינען צו די אַרבעטס־פּאָדערונגען פון פריוואַטע וואַרשטאַטן און פאַבריקן.

„אָרט" זאָרגט אויך מאַטעריעל פאַר די שילער: ס׳ווערן זיי געצאָלט פּרעמיעס פאַר גוטע אַרבעט. שפּעטער ווערן די פּרעמיעס פאַרביטן אויף סאָציאַלער הילף פאַר באַדערפטיקע שילער.

דער עקאָנאָמישער יסוד פון „אָרט" ווערט איבערגעבויט: ס׳ווערן דערוואָרבן מיטגלידער-צאָלערס, וועלכע באַשטייערן זיך מיט אַ חודשליכן אָפּצאָל פאַר די „אָרט"-אַנשטאַלטן. מ׳דערשלאָגט זיך אויך, אַז דער קאַונאַסער מוניציפּאַליטעט און דאָס בילדונגס־מיניסטעריום זאָלן סובסידירן די מלאכה-שול פון „אָרט".



אין דער מאַשינען-אָפּטיילונג פון דער מעכאַנישער שלאָסעריי פון „אָרט" קאַונאַס

IX.

אין די עטלעכע לעצטע יאָרן, ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס אין דער גאַנצער וועלט האָט כמעט אונמעגליך געמאַכט די עמיגראַציע, ווען דער גאַנצער פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט אין ליעטוואַ איז שוין אויסגעבויט געוואָרן, און ס׳האָבן זיך באַוויזן סמנים פון איבערפּראָדוקציע אויפן געביט פון אינטעליגענטנע באַרופן, און דער דאָרף האָט אָנגעהויבן צו שטורעמען פאַר זיך עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין שטאָט — האָט אונדזער רעגירונג געווענדעט איר אויפמערקזאַמקייט דער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ נעץ פון מלוכה׳שע מלאכה-שולן, און די פּראָגראַמעס פון אָט די שולן זיינען פיל פאַרברייטערט און באַרייכערט געוואָרן. ס׳איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער גע-



דאַנק וועגן פאַך-עקזאַמענס פאַר אַלע שוין פּראַקטיצירנדיקע האַנטווערקער און אָנגעשטעלטע. ס׳זאָלן אין דער נאָנטסטער צייט געזעצליך נאָרמירט ווערן די רעכט פון בעלי-מלאכות. געזעלן און לערלינגען. ס׳האַלט ביים צוריק אויפשטעלן די אַמאָליקע צעכן-אָרדנונג. ביי אָט דער געשאַפענער לאַגע האָט „אָרט" געמוזט, אין איינקלאַנג מיט די אַרויסגערוקטע נייע קאַטעגאָרישע פאָדערונגען פון לעבן, איבערגעשטאַלטן זיין האַנטווערקער-שול אין קאַונאַס: זי איז צייט 1932 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פיר יאָריקע (ביז דאַן איז זי געווען נאָר א דריי-יאָריקע) האַנטווערקער מיטל-שול („vidurinė amatų mokykla"), וואו א חוץ מלאכה און טעאָרעטישע פאַך-לימודים ווערט נאָך געגעבן די שילער אויך אַלגעמיינע בילדונג אין דעם פאַרנעם פון די אונטערשטע פיר קלאַסן פון אַ גימנאַזיע. דער אַטעסטאַט פון דער שול גיט דעם אַבסאָלווענט דעם נאָמען און די רעכט פון אַ בעל-מלאכה-געזעל און עפנט פאַר אים דעם וועג צו קריגן מיט דער צייט דעם נאָמען „מייסטער" מיט די אַלע רעכט, וואָס זיינען מיט אָט דעם נאָמען פאַרבונדן.

X

אונדזער ליטע-לאַנד איז ביז סוף 1931 כמעט פאַרשוינט געווען פון דעם שווערן וועלט-קריזיס. די פּראָספּעריטי-צייטן זיינען שוין, אמת, פריער געווען פאַרביי, נאָר די גאַנצע שוואַרצע כמאַרע פונם קריזיס האָט נאָך אונדזערע עקאָנאָמישע הימלען ניט געהאַט באַדעקט. ניט קיין אינדוסטריע-לאַנד, וואָס האָט ניט קיין עקספּאָרט פון אינדוסטריע־פּראָדוקטן, האָט ליעטוואַ נאָך אויך דאַן געהאַט אָפּזאַץ-מערק פאַר אירע גוטע לאַנדווירטשאַפטס-פּראָדוקטן: פּוטער, אייער, בעקאָן א. א. וו. ערשט סוף 1931 האָבן גענומען קאַטאַסטראָפאַל פאַלן די מקחים אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין דער וועלט. ס׳האָט זיך איינגעבירגערט די שיטה פון סחורות-קאָנטינגענטן. ס׳איז געוואָרן שווער אָפּצוזעצן אונדזערע עקספּאָרט-אַרטיקלען, און פאַר די אָפּגעזעצטע סחורה האָט דער לאַנדווירט גענומען באַקומען גראָשנס. זיין קויף-קראַפט איז קאַטאַסטראָפאַל געפאַלן; דער אומזאַץ אין מסחר האָט גענומען פאַלן; די בוי-טעטיקייט האָט זיך אָפּגעשטעלט; הייזער און פּלעצער זיינען געפאַלן אין פּרייז. די גרויסע, פון דער רעגירונג געשטיצטע קאָאָפּעראַטיוון „מאַיסטאַס", „ליעטאוקיס" און „פּיענאָצענטראַס" האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט דעם גאַנצן האַנדל מיט מילך-פּראָדוקטן, אייער און פלייש און דעם גרעסטן טייל פון פלאַקס און זוימען-האַנדל, דעם גאַנצן לאַנדווירטשאַפטלעכן עקספּאָרט און אַ גרויסן טייל פונם אימפּאָרט. דער קאָאָפּעראַטיוו „פּאַראַמאַ" אין קאַונאַס און די פילע קאָאָפּעראַטיוון אין דער פּראָווינץ האָבן כמעט רואינירט דעם שטאָטישן און דעם שטעטלשן יידישן קליין-קרעמער, דער עיקר פון דער שפּייז־בראַנזשע. די קאָמבינירטע ווירקונג פון אָט די אַלע קאָאָפּעראַטיוון צוזאַמען האָט אונטערגראָבן די פּאָזיציע פונ׳ם יידישן גרעסערן סוחר. די אָרגאַניזירטע ליטווישע קרעמערס און בעלי-מלאכות — די „ווערסלינינקעס"—פירן אַן ענערגישע און ביז צו אַ געוויסן גראַד דערפאָלגרייכע אַטאַקע אויף די פּאָזיציעס פון דעם יידישן קרע-

מער און בעל-מלאכה. געוויסע נייסן אין דער בילדונגס-פּאָליטיק ביים אויפנע-
מען יידישע אַבסאָלווענטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט· דאָס נייע אַדוואָקאַ-
טור-געזעץ, וועלכעס האָט פּאַקטיש זייער פאַרשוועוט דעם צוטריט צו אַדוואָ-
קאַטור פאַר יידן, דאָס צוזאַמענשרומפּן פון באַנק־געשעפטן און פון יידישע גע-
שעפטן בכלל — דאָס אַלץ האָט געשאַפן פאַר די יידישע יוגנט אַן אויסזיכטס-
לאָזע לאַגע. עמיגראַציע איז פאַר איר געוואָרן דער לאָזונג, און עמיגראַציע-
לענדער כידוע פאָדערן איצט נאָר אַרבעטער און לאַנדווירטן. די יוגנט וואַרפט
זיך צו לערנען אַ פאַך. די יידישע טאַטעס פאַרלירן די האָפנונג אויף די קאַ-
ריערעס פון פרייע פראָפעסיעס פאַר זייערע קינדער. אין האַנדלס-אונטערנע-
מונגען צו געפינען שטעלעס פאַר זיי איז אויך מער קיין האָפנונג ניטאָ, און
מ׳קערט זיך צו מלאכה. אין פילע פאַמיליעס שטעלט די ניי-געשאַפענע עקאָ-
נאָמישע לאַגע באַפעלעריש די פאָדערונג, אַז אַלע פאַמיליען-מיטגלידער—פרוי
און קינדער — מוזן מיטהעלפן פאַרדינען חיונה. דער פועל-יוצא איז: אַלע —



אין דעם עלעקטראָטעכנישן וואַרשטאַט פון „אָרט“ קאָונאָס

שול-יוגנט, דערוואַקסענע, סטודענטן, סטודענטקעס, געוועזענע בעלי-בתישע
ליידיקגייערס, געשטראַנדעטע הענדלערס און קרעמערלעך, הויז־פרויען — אַלע
וואַרפן זיך לערנען אַ פאַך. „אָרט“ שטרייבט אָן אַלע זיינע כחות, פאַרברייי-
טערט זיין שול, דינגט צו נאָך אַ דירה פאַר זיין דאַמען-שניידעריי· פועלט
אויס ביים קאָונאַסער מוניציפּאַליטעט אַ דערלויבעניש צו באַנוצן נאָך מיטאָג
דעם רוים פון אַ גרויסער מאָדערנער שטאָטישער פאָלקס-שול פאַר די אַלגע-



מיינע לימודים. דערעפנט קורסן פאַר דערוואַקסענע אויף פילע געביטן, ווי:
למשל פאַר מענער-שניידעריי, דאַמען שניידעריי, קאָרסעטן-נייעריי, פוצן-מאַ-
כעריי, דאַמען-פריזירעריי, שלאָסעריי, שווייסעריי, עלעקטראָמאָנטאַזש, סעדעריי,
גערטנעריי, בינען און עופות־צוכט און אַלגעמיינע לאַנדווירטשאַפט.

די אונטערשטע קלאַסן פון דער מלאכה-שול, מעכאַנישע שלאָסעריי און
שמידעריי און דאַמען-שניידעריי*) ווערן איבערפילט. און פיל קינדער אַנט-
זאַגט מען אין דער אויפנאַמע אין שול· די פאַרשיידענע קורסן זיינען אויך
איבערפולט. פילע פון זיי חזרן זיך איבער מערער מאָל (ביז 17 מאָל). די
געענדיגטע אָרדנען זיך איין אָדער אין ליעטוואַ אָדער זיי עמיגרירן, לעצטנס
דער עיקר קיין ארץ-ישראל.

צווישן די פאַרשיידענע פאַך-קורסן פון דעם ליטווישן „אָרט“ פאַרנעמען
אַ באַזונדערן פלאַץ די פאַך-קורסן פאַר יונגע דייטשישע יידן. אַזעלכע קורסן
האָט דער „אָרט“ אין קאָונאַס שוין אָרגאַניזירט פינף: 2 פאַר לאַנדווירטשאַפט
אין די גיטער אונגאַרינא און קאַלינאָווע, 2 פאַר שלאָסער-מעכאַניקער און
1 פאַר עלעקטראָמאָנטיאָרן מיט אַ רונדער צאָל שילער פון בערך 120.

דריי פון די קורסן זיינען שוין אָפּגעשלאָסן· צוויי זיינען נאָך אין גאַנג.
די לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן ווערן געפירט פראַקטיש און טעאָרעטיש אונטער
דער לייטונג פון געניטע געשולטע אַגראָנאָמען. אַ גרויסער טייל פון די דייט-
שישע יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די „אָרט“-קורסן אין ליעטוואַ, האָבן
זיך שוין איינגעאָרדנט אין ארץ-ישראל.

## .IX

דער ליעטווישער „אָרט“ איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר, מיט זיינע
וואַרשטאַטן און פאַך־קורסן, געוואָרן די האָפנונג פון דער יידישער יוגנט און
פון אַלע, וואָס זוכן זייער ישועה אין אַרבעט. די וואַרשטאַטן פון „אָרט“ זיינען
פול פון 8 אין דער פרי ביז 11 ביינאַכט. אייניקע קורסן דערמאָנען בילדער
פון אַמאָליקע ישיבות פול מתמידים, געבויגענע, אמת· ניט איבער גמרות, נאָר
איבער געצייג און מאַשינעס: דער ברען און פלאַם איז דער זעלביקער· כאָטש
דער אינהאַלט און ציל זיינען פון גרונט אויס אַנדערע.

„אָרט־ אין ליעטוואַ איז אויסגעוואַקסן צו אַ מאַכטיקן פּראָדוקטיוויזי-
רנדיקן פאַקטאָר. ליידער, מוז קאָנסטאַטירט ווערן, אַז „אָרט“ באַקומט ניט פון
פון דער יידישער עפנטלעכקייט (סיי פון יחידים, סיי פון קהילות) יענע מאַטע-
ריעלע שטיצע· וואָס ער פאַרדינט פולשטענדיק. דער פאָסטן פון מיטגלידס-
אָפּצאָל איז קאַטאַסטראָפאַל געפאַלן ביז אויף 25% פון פריערדיקן באַטראַג
אין די גוטע יאָרן· דער קריזיס איז ניט קיין פאַרענטפערונג: פאַר אַן אַנ·
שטאַלט, וואָס טוט אַזוי פיל פאַר די צוקונפט פון דער יידישער יוגנט, וואָס
העלפט אַזוי פיל אונטערהאַלטן דעם וואַקלדיקן בנין פון יידישער עקאָנאָמיק

*) נאָר די מענערשניידעריי ביי דער שול האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַט ווייניק שילער,
און זי איז ליקווידירט געוואָרן.

אין ליעטווא, מוזן זיך געפינען מיטלען!.. און די שטיצע פון יחידים און פון אָרגאַניזאציעס מוז גראָד איצט נאָך מער נעמען פליסן אין „אָרט“, ווייל צוליב דעם קריזיס זיינען געזונקען די הכנסות פון די וואַרשטאַטן און די סובסידיע פון מוניציפּאַליטעט איז שטאַרק געקירצט געוואָרן צוליב אַלגעמיינע ביודזשע־טארישע טעמים. ביי אַזעלכע באַדינגונגען מוז די יידישע עפנטלעכקייט זיך אָנטאָן אַ כח און קומען צו הילף „אָרט“.

XII.

און נאָך אַ העכסט וויכטיגע אומאָפּלייגבאַרע אויפגאַבע רופט דאָס ליט־ווישע יידנטום אָנצושטריינגען אַלע זיינע כחות און צוקומען „אָרט“ צו הילף תיכף, אומגעזאַמט.



דייטשיש־יידישע קורסאַנטן פירן אויס בוי־שלאָסעריי־אַרבעטן ביי דעם ניי־בוי פון דעם „הויז פאַר יידישער אַרבעט“ אין קאַונאַס

דאָס איז דאָס פאַרענדיקן דעם גרויסאַרטיקן נייעם בנין אויף יאַנעווער גאַס, וועלכער דאַרף געבן לופט, ליכט און בכלל היגיענישע אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר אַלע יענע, וואָס דאַרפן אָנקו־מען צו דער הילף פון „אָרט“, וועלכער מוז און וועט ווערן דער צענטער צו פאַרשפּרייטן און הויבן די יידישע מלאכה און וועלכער וועט ווערן „דאָס הויז פאַר יידישער אַרבעט“.

די וועגט אונטערן דאַך, איינווייניק נאָך פּוסטע, רופן צו דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין ליעטוואַ מיט אַזאַ קלאָרן האַרצרייסנדיקן געבעט: העלפט,



יידן, אונדז אַרויסרייסן פון אונדזער איצטיקן פאַרזאומטן צושטאַנד, בלאָזט אַריין אין אונדז די נשמה פון לעבעדיקער, יינגטליכער, האָפענונגס־פולער יידישער אַרבעט אונטער אונדזער דאַך און שוץ!

XIII.

דער ברייטער און טיפער קריזיס האָט לסוף אויך די ליטוויש־יידישע פּראָווינץ אויפגעוועקט פון איר טיפער אַפּאַטיע. די שטימעס פון קאַונאַסער אויפמונטערערס האָבן ביסלעכווייז גענומען געפינען אָפענערע אויערן און אַ וועג צו די הערצער.

אין 1933 האָט זיך אָפּגערופן קלייפּעדאַ, וועלכע פאַרמאָגט אַ קערן פון ענערגישע געזעלשאַפטלעכע טוערס. זיי האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער „אָרט“־אַרבעט, און מ׳מוז מיט גרויס אָנערקענונג און פרייד דאָ דערמאָנען די דריי גרויסע אויפטועז פון דעם קלייפּעדער „אָרט“־קאָמיטעט.

1) ער איז געקומען צו הילף אין אַ קריטישן מאָמענט דער „אָרט“־שול אין קאַונאַס מיט אַ סומע פון 2800 ליט;

2) ער האָט געשאַפן די מיטלען (איבער 3000 ליט), וואָס זיינען נויטיק געווען צו עפענען ביי דער פאַך־שול פון „אָרט“ אין קאַונאַס דעם עלעקטראָ־טעכנישן וואַרשטאַט און אים צו באַזאָרגן מיט דעם נויטיקן אינסטרומענטאַריום;

און 3) ער האָט איצט געזאַמלט פאַרן בנין פון דעם „הויז פאַר יידישער אַרבעט“ אין קאַונאַס די שיינע רונדע סומע פון קרוב צען טויזנט ליט.

בכלל שפּירט זיך אין קלייפּעדער יידישן קיבוץ די גרייטקייט קראַפטפול צו אונטערשטיצן אויך להבא יעדע אונטערנעמונג, וואָס שטעלט זיך אַלס ציל פּראָדוקטיוויזאַציע און אומשיכטונג. ס׳איז נאָר צו ווינטשן, אַז קלייפּעדער יידי־שע פאַבריקן זאָלן ברייטער עפענען זייערע טירן פאַר יידישע אַרבעטער.

דער „אָרט“ קאָמיטעט אין שיאַוליאַי האַלט אויף זיינע מיטלען שוין עט־לעכע יאָר אין דער „אָרט“־שול אין קאַונאַס אַ באַשטימטע צאָל סטיפּענדיאַטן און האָט שוין אויך בייגעהאָלפן צו זאַמלען מיטלען פאַרן בוי פון „הויז פאַר יידישער אַרבעט“ (בערך 2600 ליט). דער דאָרטיקער „אָרט“־קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט צושניידעריי־קורסן פאַר הערן אין דאַמען.

דער „אָרט“־קאָמיטעט אין מאַריאַמפּאָלע האָט זיך לעת־עתה נאָר באַ־שרייַנקט צו אָרגאַניזירן פאַך־קורסן (דאַמען־צושניידעריי) און פאַרטראַגן וועגן די פראגן פון אומשיכטונג. די דייטשיש־יידישע קורסאַנטן אין אוגגאַרינע ביי מאַריאַמפּאָלע האָבן געפונען ביי דעם דאָרטיקן יידישן קיבוץ אַ וואַרימע ברו־דערליכע אַטמאָספערע. מאַריאַמפּאָלע האָט אויך געגעבן זיין באַשיידענעס צו־שטייער פאַרן בנין פונ׳ם „הויז פאַר יידישער אַרבעט“.

דער פאַנעוועזשיסער קאָמיטעט פון „אָרט“ ווייזט שוואַכע סמנים פון אַקטיוויטעט. נאָר פאַרן בנין פון דעם „הויז פאַר יידישער אַרבעט“ האָט ער צונויפגעבראַכט אַ געוויסע סומע געלט.

אין דער ליטווישער פראָווינץ דאַרפן נאָך געגרינדעט ווערן „אָרט"-קאָמיטעטן. ס'איז צו האָפן, אַז דער מורא'דיקער קריזיס וועט דאָך אויפוועקן די גיזועלשאַפטלעכע כוחות אין דער פראָווינץ פון זייער אָפּהענטיקייט און אַפּאַטיע.

הלואי וואָס גיכער!

## XIV.

ווי ס'איז צו זען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען פון אונדזער באַריכט, האָט דער „אָרט" אין ליעטוואַ איבערגעלעבט פאַרשיידענע צייטן: פון אויפבלי און שוואונק און פון איינשרומפּונג, פון שפע אין געלט-מיטלען און פון „מאָגערע זיבן יאָרן". אין אָט די שווערע צייטן פון געלט-קנאַפּקייט און פון זיך שטאַרקנדיקער אַפּאַטיע פלעגן אונדזערע פירערס פון צענטער קומען צו אונדז אין ליעטוואַ און וועקן און מונטערן, אָרגאַניזירן און שטופּן ווייטער. ס'איז צו דערמאָנען, אַז דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דעם וועלט-פאַרבאַנד „אָרט", דער וועטעראַן דר' ל. בראַמסאָן, האָט אין 1934-סטן יאָר קראַפטפול מיטגעווירקט ביי דער אַקציע פון שאַפן אין קאַונאַס אָרטיקע געלט-מיטלען פאַרן „הויז פון יידישער אַרבעט". ער האָט אונדז אויך פריער אין אַנדערע נויט-פאַלן באַזוכט, געוועקט און געהאָלפן.

באַזונדערש פיל האָט אויפגעטאָן מיט זיינע ווירקונגס-פולע פאָרטראַגס-טורנעען איבער ליטע דער מיטגליד פון צענטראַל-פאַרוואַלטונג דר' א. סינגאַלאָווסקי. זיינע פראַכטפולע פאָרטראַגן האָבן געוועקט, געמונטערט, צעמענטירט און בכלל געשאַפן אַרום „אָרט" אַן אַטמאָספערע פון פאַרשטענדעניש און פון וואַרימען מיטגעפיל.

אונדזערע פירערס פון דער צענטראַלע פלעגן ביי זייערע באַזוכן אין ליטע, ווען דאָס פלעגט זיין נייטיק, אויפגענומען ווערן פון די אָפיציעלע רעגירונגס-פאָרשטייער פון אונדזער לאַנד און פלעגן שאַפן אַ גוטגעשטימונג פאַר אונדזער אַרבעט. וואָס עס פלעגט העלפן זיכערן דעם מאַטעריעלן יסוד פון אונדזער אַרבעט אין ליטע.

דער ה' ד"ר סינגאַלאָווסקי האָט אויך געהאַט באַגעגענישן מיט דער פירנדיקער ליטווישער אינטעליגענץ און מיט פאָרשטייער פון דער ליטווישער פּרעסע און האָט דערביי באַרירט וויכטיקע פראַגן פון אונדזער אומשיכטונג, ווי למשל די פראַגע וועגן ערד פאַר יידישע לאַנדווירטן אין ליטע.

דער „אָרט" קאָמיטעט אין ליטע דערפילט, ביי דער געלעגנהייט פון אַרויסלאָזן אָט דעם באַריכט, דעם אַנגענעמען חוב צו באַדאַנקען די פאַרדינסטפולע פירער פון דער „אָרט"-באַוועגונג פאַר זייער ווערטפולע, אומאָפּשאַצבאַרע הילף אין אַלע שווערע צייטן.



## XV.

## טאַבעלאַרישע איבערזיכט איבער דער טעטיקייט פון „אָרט" אין ליעטוואַ.

### 1.

וויפל שילער האָבן זיך געלערנט אין די אַלע „אָרט"-וואַרשטאַטן און אונטער דער השגחה פון „אָרט". (ביז 31 XII 1934)

| נאָמען פון וואַרשטאַט | צאָל שילער |
|---|---|
| מענער-שניידערייען . . . . . . | 41 |
| דאַמען-שניידערייען . . . . . . | 241 |
| מעכאַנישע שלאָסעריי און שמידעריי . . . . | 233 |
| סטאָלערייען . . . . . . | 35 |
| שוסטעריי . . . . . . | 16 |
| קאַמאַשן-שטעפּעריי . . . . . | 16 |
| פאַטראָנאַט . . . . . . . | 130 |
| ס"ה | 712 |

### 2.

## צאָל קורסאַנטן אויף די פאַרשיידענע פאַך קורסן

(ביז צום 1935 VII. 1).

| נאָמען פון קורס | זיין דויער חדשים: | וויפל מאָל האָט ער זיך שוין איבערגעחזרט | צאָל קורסאַנטן |
|---|---|---|---|
| מענער-צושניידעריי . . . . . . . | 6—4 | 17 | 226 |
| דאַמען-צושניידעריי . . . . . . . | 4—3 | 11 | 189 |
| גאָרסעטן-נייעריי . . . . . . | 5—4 | 6 | 86 |
| פוצן-מאַכעריי (דאַמען-היט) . . . . | 6—5 | 4 | 55 |
| דאַמען-קליידער (נייעריי) . . . . . | 12 | 4 | 111 |
| דאַמען-פריזירעריי . . . . . . . | 6 | 1 | 5 |
| באַטריבס-מאַשינען . . . . . . . | 12 | 1 | 36 |
| שווייסעריי . . . . . . . . | 2 | 2 | 23 |
| שלאָסעריי . . . . . . . . | 18 | 5 | 142 |
| שאָפּעריי . . . . . . . . | 4—3 | 2 | 65 |
| עלעקטראָמאָנטאַזש . . . . . . . | 12 | 3 | 75 |
| לאַנדווירטשאַפט . . . . . . . . | 12 | 3 | 103 |
| | — | 59 | 1116 |

### 3.

## שילער־באַשטאַנד אין די וואַרשטאַטן אין קאַונאַס

(צום אָנהויב פון לערן־יאָר פאַר די יאָרן 34–1932)

| | 1־טער קלאַס ייִנגל. | 1־טער קלאַס מיידל. | 2־טער קלאַס ייִנגל. | 2־טער קלאַס מיידל | 3־טער קלאַס ייִנגל. | 3־טער קלאַס מיידל. | 4־טער קלאַס ייִנגל. | 4־טער קלאַס מיידל. | ס"ה ייִנגל. | ס"ה מיידל. | ס"ה שילער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1.VIII. 1932 | 23 | 14 | 13 | 10 | 12 | 2 | 10 | 6 | 58 | 32 | 90 |
| 1. VIII. 1933 | 53 | 22 | 14 | 10 | 8 | 6 | 9 | 1 | 84 | 39 | 123 |
| 1. VIII. 1934 | 57 | 24 | 38 | 17 | 13 | 7 | 5 | 5 | 113 | 53 | 164 |

דער שנעלער וואוקס פון דער שול האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פאַרטיפונג פון דער קריזיס. דער וואוקס איז דער עיקר מערקבאַר אין די ערשטע צוויי קלאַסן: צאָל ייִנגלאַך געשטיגן פון 23 (1932) אויף 57 (1934) צאָל מיידלאַך פון 14 אויף 24 אין ערשטן קלאַס. אין צווייטן קלאַס ענדערן זיך די צאָלן פון 13 ביז 38 און פון 10 ביז 17.

### 4.

## צאָל קורסאַנטן לויט די יאָרן

(פאַר די יאָרן 35–1931)

| יאָר | מענער־שניידעריי | דאַמען־שניידעריי | גאָרסעטן | פוץ־מאַכעריי (דאַמען־היט) | דאַמען־קליידער | דאַמען־פריזירעריי | שרייב־מאַשינען | שוסטעריי | שלאָסעריי | עלעקטראָמאָנטאַזש | לאַנדווירטשאַפט | ס"ה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1931 | 39 | 39 | — | — | 21 | — | 36 | 14 | — | — | — | 149 |
| 1932 | 20 | 35 | — | — | — | — | — | — | — | 25 | — | 80 |
| 1933 | 27 | 44 | 44 | 18 | 15 | — | — | — | — | 15 | 28 | 191 |
| 1934 | 8 | 54 | 29 | 24 | 25 | — | — | — | 104 | 35 | 36 | 315 |
| 1935 | 6 | 17 | 13 | 13 | 50 | 3 | — | 9 | 38 | – | 42 | 191 |

באַמערקונג: די צאָל קורסאַנטן 191 איז געווען צום 1. VII. 35; צום 30 VIII .35 האָט די צאָל קורסאַנטן דערגרייכט 303 און די צאָל שילער אין שול 220.



### 5.

## וויפל פערזאָנען האָבן גענאָסן פון דער טעטיקייט פון „אָרט“ אין ליטעווע (אין די יאָרן 34—1921).

| ווער זיינען געווען די גניסער? | זייער צאָל |
|---|---|
| שילער פון „אָרט“־וואַרשטאַטן און אונטער השגחה פון פאַטראָנאַט | 712 |
| קורסאַנטן . . . . . . . . . | 1116 |
| האַנטווערקערס (מאַשינען, געצייג . . . . . | 1170 |
| לאַנדווירטן (מאַשינען, לעב. אינווענטאַר, זריעה, געביידעס) . | 161 |
| גערטענירערס (זריעה) . . . . . . . | 50 |
| פראָדוציר־קאָאָפעראַטאָרן (געצייג, מאַשינען און מאַטעריאַלן) | 150 |
| שול־קינדער בכלל (שול־גערטנער) . . . . . | 5111 |
| יידישע שילער אין מלוכהש'ן טעכניקום (אונטערריכט אויף יידיש) | 67 |
| | 8537 |

### 6.

## מאַטעריעלע שטיצע די שילער פון די „אָרט“־וואַרשטאַטן אין קאַונאַס

(פרעמיעס און סאָציאַלע אונטערשטיצונג)

| יאָר | סומע צענטן | סומע ליטן | יאָר | סומע צענטן | סומע ליטן |
|---|---|---|---|---|---|
| 1927 | 10 | 6391 | 1931 | 44 | 5668 |
| 1928 | 35 | 5015 | 1932 | 55 | 4620 |
| 1929 | 75 | 4434 | 1933 | 45 | 8100 |
| 1930 | 15 | 5099 | 1934 | 20 | 6689 |
| | | | ס"ה | 99 | 46.118 |

# אַלט און נײַ.

באָדן־שטח, לופט און ליכט אין דער אַלטער און אין דער נייער געבײַדע

| | אין די אַרבעטס־רוימען | | | | אין די לערן־רוימען | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אלטע געבײַדע | | נייע געבײַדע | | נייע געבײַדע | |
| באָדן־שטח אין קיוואַדראַטישע מעטערן | 330 | | 705 | | 309,5 | |
| | פראָ־שילער 1934 | פראָ־קורסאַנט 1934 | פראָ־שילער 1934 | פראָ־קורסאַנט 1934 | פראָ־שילער 1934 | פראָ־קורסאַנט 1934 |
| | 2,9 | 2,37 | 6,2 | 5 | 2,7 | 2,2 |
| קוביק־מעטער לופט | 990 | | 2429 | | 1050,4 | |
| | פראָ־שילער 1934 | פראָ־קורסאַנט 1934 | פראָ־שילער 1934 | פראָ־קורסאַנט 1934 | פראָ־שילער 1934 | פראָ קורסאַנט 1934 |
| | 8,7 | 8,11 | 21,5 | 17,5 | 9,3 | 7,5 |
| פענסטערשטח אין קוואַדראַט־מעטער | 41,7 | | 188,4 | | 90,6 | |
| פאַרהעלטניש פונם פענסטער־שטח צום באָדן־שטח | 1 : 8 | | 1 : 3,7 | | 1 : 3,4 | |

די טאַבעלע גיט אונדז אַ באַגריף, ווי איינג ס'איז אין דער אַלטער געבײַדע און ווי רחבותדיק ס'וועט זיין די נייע געבײַדע. די באַרעכענונגען זיינען געמאַכט נאָך דער צאָל שילער און קורסאַנטן, שלאָסערס און עלעקטראָמאָנטיאָרן (לויט די ציפערן פון דעם יאָר 1934), ווייל זייערע אַרבעטס־רוימען געפינען זיך אין דער אַלטער געבײַדע און וועלן אַריבערגעטראָגן ווערן אין די נייע. אין דער אַלטער געבײַדע שטייט איין שילער אויף יעדע 2.9 קוואַדראַט מעטער און אַ קורסאַנט אויף 2,3 קוו. מ., אין דער נייער אָבער וועט עס אויסמאַכן 6,2 און 5 קוו. מ; לופט אין דער אַלטער געבײַדע איז דאָ נאָר 8,7 קוב. מ. פראָ שילער און 8,1 קוב. מ. פראָ קורסאַנט, אין דער נייער אָבער 21,5 און 17,5 ד. ה. פון 2 ביז 3 מאָל מערער. אין דער נייער געבײַדע איז די באַלײַכטונג בערך 2,1 גרעסער, ווי אין דער אַלטער.





דאָס אַלטע געבײַדע פון „אָרט" קאַונאַס



דאָס „הויז פאַר יידישער אַרבעט" אין קאַונאַס

# דער דאַמען־קאָמיטעט ביי „אָרט" קאַונאַס.

אין דער פילזייטיקער, פאַרצווייגטער אַרבעט פון קאַונאַסער „אָרט"-קאָמיטעט נעמט די גאַנצע צייט אַ זייער וויכטיקן אָנטייל אַ באַזונדערס קאָנסטרואירטער קאָמיטעט פון דאַמען־כלל-טוערינס. דער דאָזיקער דאַמען-קאָמיטעט דעלעגירט זיינע פאַרטרעטערינס אין דער „אָרט"-פאַרוואַלטונג און העלפט מיט, אויף אַזאַ אופן, אין דער אַלגעמיינער אַרבעט. דער דאַמען-קאָמיטעט איז געווען דער איניציאַטאָר פון דערעפענען דעם דאַמען-שניידעריי-וואַרשטאַט. דער דאַמען-קאָמיטעט שטעלט זיך אַ חוץ דעם אַ גאַנצע ריי ספּעציעלע אויפגאַבן, ווי למשל: פאַרזאָרגונג פון באַדערפטיקע שילער פון די וואַרשטאַטן מיט מיטאָגן, דירה וכדומה; מיטהילף ביים באַשאַפן געלט-מיטלען פאַר דער „אָרט"-שול דורך אָרגאַניזירונג פון זאַמלונגען, בלימל-טעג, קאָנצערטן און ספּעקטאַקלען. די איבערגעבענע אַרבעט פונם דאַמען־קאָמיטעט האָט פיל מיטגעהאָלפן צו באַקעמפן די פינאַנסיעלע שוועריקייטן פון מוסד.

דער דאַמען-קאָמיטעט האָט אויך אַקטיוו מיטגעווירקט ביי די זאַמלונגען פאַרן „הויז פון יידישער אַרבעט".

דער באַשטאַנד פונם דאַמען-קאָמיטעט איז פאָלגנדיקער: פאָרזיצערין: פרוי ד"ר שלאַפּאָבערסקי; נאָך איר אָפּפאָר קיין ארץ-ישראל איז די אָנפירונג מיט דער אַרבעט פונם דאַמען-קאָמיטעט איבערגעגעבן געוואָרן אַ דריי-קעפּיקן פּרעזידיום אין באַשטאַנד פון פרוי ד"ר סודאַרסקי, פרוי מאַרגאָלין און פרוי ווערבלאָווסקי. די מיטגלידער פונם דאַמען-קאָמיטעט זיינען (לויטן אלף-בית): פרוי באָבראָוו, פרוי בראַמסאָן, פרל. בורשטיין, פרוי גאָלדבערג, פרל. הורוויטש פרל. וואָלפע, פרוי זימאַן, פרוי ד"ר פיינבערג, פרוי פריד, פרוי פּאָטרוך, פרוי ראָסיאַנסקי, פרל. רומשישסקי, פרוי שאַבס, פרוי שוואַלבע.

די פאַרוואַלטונג פון „אָרט" באַדאַנקט דאָ די איבערגעבענע טוערינס פאַר זייער צושטייער אין די וויכטיקע אומבוי און אויפבוי-אַרבעטן פונם ליטווישן „אָרט" און דריקט אויס זיין האָפנונג, אַז די חשובע כלל-טוערינס וועלן אויך להבא שטיין אויף זייער פּאָסטן און אייפעריק העלפן געזונט מאַכן די קראַנקע יידישע עקאָנאָמיק.